# ירושלימער אלמאנאך

צייטשריפט
פאַר ליטעראַטור,
קולטור
און
געזעלשאַפטלעכע
פּראָבלעמען

27

תשס"ג

# ירושלימער
# אַלמאַנאַך

צייטשריפט

פֿאַר ליטעראַטור, קולטור און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

**27**

גרינדער און הויפּט רעדאַקטאָר:

יוסף קערלער ע״ה

רעדאַגירט:

דוב־בער קערלער


אַרויסגעגעבן בשותפות מיט

דעם ווילנער יידישן אינסטיטוט ביים ווילנער אוניווערסיטעט

און

דעם יונג־יידיש צענטער אין ירושלים

תשס״ג

# אינהאַלט


הער מיך אויס... / יוסף קערלער ........ 7

## יוסף קערלער (2000-1918)

ירמיהו דרוקער / דער יינגסטער – יוסף קערלער ........ 9
אהרן צייטלין / אַ שמועס מיטן דיכטער ........ 21
יוסף קערלער / פון נייע און לעצטע לידער ........ 26
אברהם סוצקעווער / די באַגריסונג אין בית שלום־עליכם (פסח תשל״א) ........ 36
יעקב צבי שאַרגעל / דער יידישער דיכטער פון ירושלים ........ 40
אַלעקסאַנדר בעלאָוסאָוו / וועגן יוסף קערלער ........ 45

## ירושלים ד׳ליטא פונדערווייטנס און פון דער נאָענט

הירשע־דוד קאַץ (ווילנע) / דעם ווילנער גאונס יידיש ........ 49
אלישבע כהן־צדק (רחובות) / ד״ר צמח שאַבאַד ........ 62
וויטאַל זײַקאַ (ניו־יאָרק) / אַ נײַ בוך וועגן ד״ר צמח שאַבאַד ........ 67
דניאל טשאַרני / פון מיין ווילנער טאָגבוך ........ 70
שמערקע קאַטשערגינסקי / מיין שעף איז געווען אַלפרעד ראָזענבערג ........ 74
אברהם סוצקעווער (תל אביב) / מיט שמערקע, ווען עס ברענען וועלדער ........ 80
מאַרק מויזעס (באר שבע) / שטריכן צו דער געשיכטע פון די ווילנער יידישע
פאָלקס־אַנסאַמבלען (1971-1957) ........ 81
הירשע־דוד קאַץ / אויף יידיש און מיט יידיש – צוויי ווילנער רעפּאָרטאַזשן
פון 1999 און 2000 ........ 90
באָריס קאַרלאָוו (אָקספאָרד – ווילנע) / ווילנע 1998 ........ 97

## קיום

רבקה באַסמאַן־בן־חיים (הרצליה) / ״ווי דערקענט מען אַ סימן אין צייט וואָס פאַרבייז?״ ........ 100
יהודה עלבערג (מאָנטרעאָל) / פישעלע יושר ........ 102
הדסה רובין / דור צו דור גיט איבער (נייע לידער) ........ 149
דוד וואָלפּע (יאָהאַנעסבורג) / הער בייער אין גרוב (דערציילונג) ........ 151
הירש רעלעס (מינסק) / נאָך אַזויפיל יאָרן (לידער) ........ 158
הירשע־דוד קאַץ / דער מינסקער דיכטער, הירש רעלעס, מאָנט אַ נייעם צוגאַנג
לגבי יידיש ........ 162
ה. בנימין (ניר־הייוון) / ״וועגן יידיש״ און געציילטע לידער ........ 165
מישע לעוו (רחובות) / מיין טאַטנס נאָמען ........ 171
אלכסנדר בעלאָוסאָוו (מעלה אדומים) / ״פּליטים״ און אַנדערע לידער ........ 173
אבידב ליפּסקער (חיפה) / ״אני לדודי ודודי לי״ ........ 184
יוסף בורג (טשערנאָוויץ) / אַ ווילדע עוולה ........ 186
וועלוול טשערנין (קדומים) / על פני האדמה (נייע לידער) ........ 189

באָריס קאָטלערמאַן (עופרים) / מגן דוד (דערציילונג) 195
זשיל ראָזיע (פּאַריז) / נייע לידער 200
עפרה אליגון (תל אביב) / אַ טאָכטער בלייבט שטענדיק אַ טאָכטער 202
ישראל רובינטשיק (רמת גן) / ״הענט״ און אַנדערע לידער 206
יאָסל בירשטיין (ירושלים) / ״גלוסט זיך מיר וויינען געשמאַקער פון האַרצן...״ 213
אליביידער (ירושלים) / ״פּראַכטפול, רויטער, זיסער, ווייַן״ 231
מרים שמולעוויטש־האָפמאַן (ניו־יאָרק) / איך שלאָג זיך מיט דער דעה 235
גרוניאַ סלוצקי־קאהן (מאָנטרעאָל) / ״שיין, זונעניו, שיין״ 237
ישראל קאַפּלאַן (תל אביב) / אַ נאָמען (דערציילונג) 241
באָריס קאַרלאָוו (ירושלים – בלומינגטאָן) / צייט • שטערן • בוים 244

## אויפן סדר־היום

דער ווילנער יידישער אינסטיטוט 247
רובי מאָנעט (פּאַריז) / אַ מעשה מיט אַ יידישן טעם... טעם 249
מיכאל בן־אברהם (ירושלים) / מיין וואָרט ביים באַקומען דעם דוד האָפשטיין פּרייז 254
אַ ניי בוך יידישע זינג־לידער פון דמיטרי יקירעוויטש 257
איציק גאָטעסמאַן (ניו־יאָרק) / וועט דער מאָרגן פון יידיש זיין אויף ענגליש? 258

## פאַרקריצט אין זכרון

גרשון וויינער (ירושלים) / קדיש נאָך מיין שטעטל 261
אלכסנדר שפּיגלבלאַט (תל אביב) / ביים זיידן אין דאָרף 266
עפרה אליגון / דער פעטער לאַזאַר 274
אריה שמיר (ירושלים) / צוויי בדחנים פון אַמאָליקן ביאַליסטאָק 277

## שפּראַך, ליטעראַטור, טעאַטער

מרים האָפמאַן / מיין מאַמעס לאָדזשער יידיש 281
רחמיאל צוקערמאַן (סטראַסבורג) / אין דער וועלט פון יידישע ווערטער 286
הירשע־דוד קאַץ / מען באַרייכערט דאָס יידיש – ביי חסידישע קינדערלעך 290
מישע לעוו / לייענעדיק דוד האָפשטיינען 294
דוד וואָלפּע / אלכסנדר שפּיגלבלאַט אין זיין גאָרער קאָלירפולקייט 297
גיטל מייזל / שלמה מיכאָעלס און מאַקס ריינהאַרד 299
יצחק ניבאָרסקי (פּאַריז) / וועגן אהרן צייטלינס טעאַטער 310

## און פון דער זייט מיין שמייכל בלייבט אַליין

יוסף קערלער / עפּיטאַפיעס 318

# ירושלים ד׳ליטא פונדערווייטנס און פון דער נאָענט

הירשע דוד קאַץ

(ווילנער יידישער אינסטיטוט ביים ווילנער אוניווערסיטעט)

## דעם ווילנער גאונס יידיש

וועגן ווילנער גאון — ר׳ אליהו בר׳ שלמה זלמן (1720-1797) — וועט קלעקן, על רגל אחת ממש, צו האַלטן פאַרן אויג, אַז ער איז געווען איינער פון די געניאַלסטע רבנישע מפרשים אין דער יידישער געשיכטע; דער שענסטער סימבאָל פון טראַדיציאָנעלן מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום; דער איינגעשפּאַרטער שונא פון דער (דעמאָלט דרייסט־רעוואָלוציאָנערער) חסידישער באַוועגונג.

אין 1997, צום גאונס צוויי הונדערטסטן יאָרצייט, האָט די היינטיקע ווילנער יידישע קהילה בשותפות מיטן ווילנער אוניווערסיטעט איינגעאָרדנט אַ וועלט קאָנגרעס. געלערנטע זיינען געקומען פון פאַרשיידענע לענדער (דער עיקר ארץ ישראל און אַמעריקע) און, ווי ס׳איז דער שטייגער, האָט מען געלייענט רעפעראַטן, דיסקוטירט און זיך ניט ווייניק געאַמפּערט.

דער הויפּט־רעפּרעזענטאַנט פון ״יידישיסטישן סעקטאָר״ אויפן קאָנגרעס איז געווען פּראָפעסאָר שיקל פישמאַן, אים צו לאַנגע יאָר, וועלכער האָט געלייענט אַ פּראַכטפולן רעפעראַט איבער דער טעמע: ״דער ווילנער גאון און די יידישע שפּראַך״ (פישמאַן 1998). דערין האָט ער אויפגעוויזן, ווי אַזוי דער ווילנער גאון, וועלכער האָט אָן קיין שום ספק גערעדט יידיש אין גאַנג פונעם טאָגטעגלעכן לעבן, איז אין דער נייער צייט געוואָרן אַ סימבאָל פון דער הייליקייט פון דער יידישער שפּראַך, ניט קוקנדיק וואָס אינעם גאונס כתבים (און זיינע אויפגעהיטע רייד וואָס ס׳האָבן זיינע תלמידים און תלמידי־תלמידים אויפגעשריבן לדור־דורות), וועט מען אפשר אומזיסט זוכן קול־קוראס וועגן דער הייליקייט פון יידיש. פונדעסטוועגן האָבן זיך אוהבי־יידיש אין דער נייער צייט ניט געוויכט אָנצורופן דעם גאונס נאָמען, לויט דער שיטה פון ״נאַטירלעכער אַסאָציאַציע״, ביים אויסזינגען שבחי־יידיש. פּראָפעסאָר פישמאַן ברענגט אַראָפּעט מראי־מקומות, צווישן אַנדערע, פון יידישן פּאָעט לייב פיינבערג (1897-1969) און ר׳ יאָשע־בער — הרב יוסף דוב־בער סאָלאָווייטשיק (1903-1992).

לסוף ווייזט אויף שיקל פישמאַן, אַז די אָנגענומענע שייכות צווישן גאון און לשון יידיש איז בפירוש טייל פון דער סימבאָליק פון דער יידישיסטישער באַוועגונג, וואָס האָט דאָך אירע ראָמאַנטישע סימבאָלן און אַסאָציאַציעס פונקט ווי ביי אַלע מאָדערנע שפּראַך באַוועגונגען...

* * *

אַריבערגייענדיק פון דער מאָדערנער ראָמאַנטיק ביז צום גאון גופא, איז מדעיקרא קלאָר ווי דער טאָג, אַן השערה ניט אָפּצופרעגן, אַז פונקט ווי אַלע יידן פון זיינע מקומות אין זיינע יאָרן האָט ר׳ אליהו זיכער גערעדט און געלערנט אויף יידיש, הגם זיינע ווערק האָט ער געשריבן אויף צוויי רבנישע שפּראַכן פון דער טראַדיציאָנעלער ציוויליזאַציע אשכנז: העברעאיש און אַראַמיש (וועגן דער דריישפּראַכיקייט פון אשכנז, זע קאַץ 1985: 98).

דעם יידישן פילאָלאָג גייט אַזאַ מין ״באַמערקונג״ פונדעסטוועגן אַריין אין דער בחינה פון ״וואָסער איז נאָס״. פאַרשטייט זיך אַז דער ווילנער גאון האָט גערעדט יידיש, פונקט ווי דער מהרי״ל מיטן מהר״ל פאַר אים, פונקט ווי דער נצי״ב מיטן חפץ־חיים נאָך אים. איז מה־רעש?

אין פאַל פון אַזאַ מין פיגור ווי דער ווילנער גאון אין דער געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע אשכנז, איז כדאי די יידישע פילאָלאָגיע זאָל זיך סטאַרען וואָס ניט איז צו רעקאָנסטרואירן מכח דעם ספּעציפישן מין יידיש וואָס דער גאון האָט גערעדט, אויף ווי ווייט דאָס לאָזט זיך דערגרייכן מער ווי צוויי הונדערט יאָר נאָך זיין טויט, אין אַ פאַל ווען ס׳האָט זיך אפשר ניט אויפגעהיט קיין שייטל גבית־עדות מצד די בני־דור צי ביים נוגע־בדבר גופא.

דעם פילאָלאָג וואָס פאַרנעמט זיך מיט שפּראַך־געשיכטע איז דאָס אָבער ניט קיין מניעה מ׳זאָל פונדעסטוועגן אַ פּרואוו טאָן, אָנווענדנדיק די זעלביקע מעטאָדן וואָס ביים רעקאָנסטרואירן דאָס לשון ביי אַוועלכן ניט איז מענטש אָדער גרופּע נוצנדיק באַקאַנטע פאַקטן ווי אַן אויסגאַנג־פונקט און אָפּגעהיטערהייט דערגיין ביז צו היפּאָטעזן וואָס פאַרלאָזן זיך אויף לאָגישע שפּרונגען פונעם באַקאַנטן ביז אויפן אומבאַקאַנטן.

פאַרשטייט זיך, אַז די דיאַלעקטישע סטרוקטור פון יידיש איז ניט געבליבן אויף איין אָרט פון זינט דעם אַכצעטן יאָרהונדערט, ווען עס האָט געלעבט דער גאון, ביז וואַנעט די נייע יידישע דיאַלעקטאָלאָגיע האָט זיך גענומען אין וועג אַריין פונעם סוף ניינצעטן יאָרהונדערט, און האָט זיך אַזוי שיין צעבליט אין משך פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט (צו דער געשיכטע פון דער יידישער דיאַלעקטאָלאָגיע זע קאַץ 1983; 1986). הייסן הייסט דאָס אַז ״אַן אויטאָמאַטישע הנחה״ אַז די דעמאָלטיקע דיאַלעקטישע גרענעצן קען מען זיך משער זיין אויפן סמך פון די מאָדערנע איז אַ ביסעלע מסוכן. בשעת מעשה דאַרף מען האַלטן אין זינען, אַז ווען לאַזאַר שיינעאַנו און אַלפרעד לאַנדוי האָבן סוף ניינצעטן יאָרהונדערט גענומען אָנווענדן די מעטאָדאָלאָגיע פון דער מאָדערנער דיאַלעקטאָלאָגיע אויפן געביט פון יידיש, האָבן נאָך געלעבט זקנים וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן לערך אין איין צייט מיטן גאונס טויט. אפילו שפּעטער, אין דער צווישנמלחמהדיקער תקופה, ווען די יידישע דיאַלעקטאָלאָגיע האָט דערגרייכט גוואַלדיקע הייכן אין די ווערק פון נח פּרילוצקי, מיטן אַרויסגיין פון ווײַנגער און ווילענקינס סאָוועטיש־יידישן שפּראַך־אַטלאַס, האָבן געלעבט לאָמיר אָנכאַפּן אוראייניקלעך פון גאונס דור, איז די ריזיקע אַ מינימאַלע: קאָם לאָזט זיך אויפן שכל אַז די גרונט־גרענעצן פון די יידישע דיאַלעקטן אין תחום פון מזרח־אייראָפּעאישן יידיש זאָלן זיך האָבן אינגאַנצן איבערגערוקט. נאָכמער: די מאָדערנע יידישע דיאַלעקטאָלאָגיע פון צוואַנציקסטן יאָרהונערט איז געווען שפּירעוודיק אויף צו באַנעמען אָט אַזעלכע איבעררוקן (זע למשל מ. ווײַנרייך 1965). אכלל, מיט אָפּגעהיטענע טריט מעג מען פאָרויסגיין.



דאָס איינציקע בילד פונעם ווילנער גאון וואָס איז געמאַכט געוואָרן ביי זיין לעבן, קענענדיק זיין פנים. די שפּעטערדיקע באַוואוסטע בילדער שטעלן מיט זיך פאָר די פאַנטאַזיע פון די מאָלער (זע זוסיע עפרון 1998, 164-165)

פון אָט דעם ״בכלל״ דאַרף מען אַריבער אויפן ״בפרט״: צום יחיד וועלכער שטעלט מיט זיך פאַר דעם אָביעקט פון דער פראַגע. דאָ איז נייטיק, אָן קיין שום פּחיתת־כבוד לגבי דעם גאונס מעמד, חלילה, זיך צו ״נעמען״ צו דער פראַגע וועגן גאונס יידיש מיט די זעלביקע כלים מיט וועלכע מ׳וואָלט זיך באַנוצט ביים רעקאָנסטרואירן דאָס לשון פון אַוועלכן ניט איז יידן פון אַכצעטן יאָרהונדערט.

דאָס וועט הייסן: וואו איז געבאָרן געוואָרן דער מענטש? פון וואַנעט שטאַמען זיינע עלטערן? אין וועלכע ערטער האָט ער געלעבט אין משך פון זיינע יאָרן?

וועגן דעם, וואו עס איז געבאָרן געוואָרן דער ווילנער גאון זיינען פאַראַן צוויי טראַדיציעס: טייל האַלטן, אין ווילנע גופא, פון וואַנעט עס שטאַמט מדור־דורות זיין טאַטע ר׳ שלמה־זלמן (ביזן חורבן האָבן טייל ווילנער תלמידי חכמים געוואוסט אָנצואווייזן אַזש אויף וועלכן הויף ער איז אויף דער וועלט געקומען); אַנדערע האַלטן דאַקעגן, אַז אין שטעטל סעליץ (קאַרגע זעכציק מייל צפון־מזרח צו פון בריסק אויפן טראַקט וואָס פירט קיין קאָסאָוו, סלאָנים, באַראַנאָוויטש, מיר, קוידענאָוו און מינסק). אין סעליץ (אין עלטערע כתבים: סעלץ) איז געבאָרן געוואָרן זיין מוטער, מרת טריינא (טרײַנע). די עלטערע ביאָגראַפן זיינען גראָד נוטה צו סעליץ, צווישן זיי דער עליות אליהו (יהושע העשיל 1855: כז ע״א). די מערסטע מאָדערנע ברענגען אַראָפּ ביידע טראַדיציעס (למשל: לנדוי 1978: טו; כהן 1943: 212).

ניט מיר קענען די קשיא באַשיידן און ניט מיר דאַרפן, ווייל אַלע זיינען מודה אַז אין גאָר אַ יונגן עלטער איז דער יינגעלע אליהו (עלע? עלקע? עלינקע?) געווען אַ תושב ווילנא ירושלים דליטא. עס לייגט זיך ניט אויפן שכל אַז די עופּעלע־יאָרן זאָלן לינגוויסטיש גערעדט משפּיע זיין אויפן גאונס לשון מער איידער ביי אַ צווייטן בשר־ודם.

וועלכע ניט איז סעליצער השפּעה וואָלט מען געדאַרפט צושרייבן זיין מאַמען. הגם די סביבה פון קינדער ווירקט בדרך־כלל אָן אַ שיעור מער איידער דאָס לשון וואָס ביי די עלטערן, איז אַ געוויסע השפּעה פון אַ מאַמען ניט אויסגעשלאָסן. דאָס קען גראָד וויכטיק זיין ווייל סעליץ געפינט זיך אין קרייז פון ״בריסקער יידיש״. ניט קוקנדיק וואָס די שטאָט האָט ביי יידן געהייסן ״בריסק דליטא״ איז דער יידיש פון בריסק ניט קיין ״ריין ליטווישער״ (ד.ה. טייל פון צפון־מזרח יידיש) נאָר וואָדען, — אַן אייגנאַרטיקער דיאַלעקט וואָס פורעמט זיך אויס פון אַ צונויפשטויס פון דרום־מזרחדיקן (״אוקראַינישן״) און פון צפון־מזרחדיקן יידיש. אונדז דאַכט אפילו אַז דער דרום־מזרחדיקער עלעמענט איז גובר. דער לעצטער בריסק־געבאָרענער ייד אין בריסק, שלמה ווײַנשטיין, אים צו לאַנגע יאָר (געב. 1917), ווייס צו דערציילן אַז אין זיין יוגנט האָט מען גוט געוואוסט אין בריסק אַז דאָס ערשטע שטעטל וואו מען רעדט ״ריין ליטוויש״ איז בערעזע, וואָס איז ווייטער איידער סעליץ, אַזוי אַרום אַז סעליץ געפינט זיך אין דער ״צווישנדיאַלעקטישער זאָנע״, וואָס עס האָט צום ערשטן (דאַכט זיך) געשילדערט יוכבד יאָפּען (1953: 132, 139; זע איצט הערצאָג, ווײַנרייך און באַוויסקאַר 1992: מאַפּעס 36, 39, 42 און ספּעציעל 43).

אַ קשיא אויף אַ מעשה, דעם גאונס מאַמע האָט ניט גערעדט קיין ״פּולשטענדיק״ ליטווישן יידיש. קיין ווילנער יידיש האָט זי אוודאי ניט גערעדט! גיין טרעפן וואָס פאַראַ פּרט האָט געקענט ״בלייבן״ ביי דער סעליצערינס זון קען מען אָבער ניט. איין פּרינציפּיעלן

סאָציאָלינגוויסטישן פונקט מעג מען זיך אָבער יאָ פאַרגעדענקען: אַז שפּראַך־פּרטים וואָס ווערן געהאַלטן פאַר ״ניט־ריכטיק״ אין אַוועלכן ניט איז דיאַלעקט זיינען אַמערסטנס עלול ״פאַרריכט״ צו ווערן אויפן סמך פון אַ ״העכערער״ פאָרמע וואָס מען קען פון דער היים. אין ״קלאַסישן״ ליטווישן יידיש זיינען כידוע פאַראַנען צוויי עיקרדיקע שטריכן וואָס דורות געלערנטע האָבן געהאַלטן פאַר ״ניט־ריכטיק״: (א) דאָס ריידן ״מיטן שמאל״, ד.ה. דער ״סאַבעסדיקער לאָסן״ (זע אוריאל וויינרייך 1952); דאָס ריידן ״אויפן צירה״, דער ej אַנשטאָט ɔj ד.ה. נוצן דעם קלאַנג פון העברעאישן וואָקאַל־סימן צירה אויך אויף חולם — téjre אויפן אָרט פון tɔ́jre. הגם דער פאָלקלאָריסטישער נאָמען פון אָט דעם פאָנאָלאָגישן שטריך שטאָמט פון העברעאישן וואָקאַל־צייכן צירה, איז דער פענאָמען ביסודו אַ דיאַלעקטיש יידישער וואָס איז חל אויף אַלע אַלטע ווערטער אין דער שפּראַך, ניט קוקנדיק אויפן אָפּשטאַם: ברויט, גרויס, וואוינען אַזוי ווי חושך, סחורה, שוטה.

אין פריערדיקע דורות, פאַרן אויפקום פון דער מאָדערנער יידישער שפּראַך־באַוועגונג (און די שפּראַכיקע באַוואוסטזיניקייט וואָס איז פון איר אויסגעוואַקסן), האָט די סאָציאָלאָגיע פון די קלאַנגען געקענט אפילו זיין אַלצאיינס ווי שפּעטער, מערניט די בפירושדיקע וויכוחים האָבן זיך אָפּגעגעבן ניט מיט יידיש נאָר מיט די זעלביקע קלאַנגיקע איינסןביים אַרויסריידן (און בפרט ביים דאַווענען אויף) לשון־קודש און אַראַמיש (זע קאַץ 1994).

האַלטנדיק אין זינען אַן ערשטן ״פּאָטענציעל ניט־ווילנער״ (צי אפילו ״ניט־ליטוויש״) איינפלוס אויפן גאַנצן יידיש, לאָמיר זיך אומקערן צו אים גופא און צו זיינע קינדעריאָרן.

להיפוך צו די חילוקי־דעות בנוגע אליהוס געבורטס־אָרט, זיינען אַלע מסכים אַז ער האָט יינגעלעווייז אין ווילנע געלעבט. געגוג צו דערמאָנען די באַוואוסטע דרשה וואָס ער האָט אין ווילנער שטאָט־שול געזאָגט צו זיינע זעקס־אַ־האַלבע יאָר (יהושע העשיל 1856: כח ע״א; כהן 1943: 212; לנדוי 1978: י; מימון 2000: נה; ביי יצקן [1900: 25] רעכנט זיך דאָס, לויטן אַלטן שטייגער — זיבן יאָר). אין מערסטע נוסחאות דערציילט זיך אַז צו שלש־סעודות יענעם שבת האָט דעם עלוי פאַרהערט ר׳ העשיל דער הויפּט פון ווילנער בית־דין, אים געבעטן צוגרייטן אַ נייעם, אייגענעם דבר־תורה, בכדי זיכער זיין אַז ער האָט ניט סתם געלערנט אויף אויסנווייניק דעם טאַטנס — ר׳ שלמה־זלמנס — אַ דרשה, און דער יינגל האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ וואונדער, אַן עלוי, ממש אַ: גאון.

ווי אַ דירעקטער פועל יוצא פונעם יינגעלע אליהוס נתגלה ווערן דורך זיין דרשה אין ווילנע צו די זעקס־אַ־האַלבע יאָר, האָט אַ דעמאָלטיקער גאַסט אין שטאָט, ר׳ אברהם קאַצענעלנבויגן (ער איז דעמאָלט געווען רב אין בריסק), זיך איינגעבעטן ביים עלויס טאַטן, ר׳ שלמה־זלמן, רשות אים נעמען צו זיין פאָטער, דעם גאונותדיקן ר׳ דוד קאַצענעלנבויגן, וואָס האָט געלעבט אין שטעטל קיידאַן — אויף צו לערנען. דאָרטן האָט ער זיך געלערנט ביי גדולי הדור און בפרט לויט מערסטע דעות ביי ר׳ משה מרגליות דעם בעל ״פּני משה״.

פאַראַן פאַרשיידענע כראָנאָלאָגיעס נאָר ס׳איז קלאָר אַז פונעם עלטער פון בערך זיבן יאָר ביזן עלטער פון בערך עלף יאָר — גאָר וויכטיקע יאָרן אינעם קינדס שפּראַך־אַנטוויקלונג, יאָרן ווען אַ קינד נעמט אויף אַ נייעם דיאַלעקט (צי גאָר אַ נייע שפּראַך) אָן שפּורן פון ״אַקצענט״ אפילו — האָט אליהו געלעבט אין קיידאַן (יהושע העשיל 1856: כח ע״א; יצקן

1900: 92; אשרי 1946: 8). און דאָרטן האָט מען אים שוין יונגערהייט פֿאַרקנסט מיט חנה, די טאָכטער פֿון ר׳ יהודה־לייב אין קיידאַן (יהושע העשיל 1856: לג ע״א). נאָכן חתונה האָבן מיט איר שפּעטער־צו, איז ער ווידער אַוועק דאָרטן משמעות אויף אַ קורצער צייט. די חילוקי־דעות וועגן די גענויע יאָרן זיינען פֿאַרן יידישן פֿילאָלאָג ניט דער עיקר. דער עיקר שטעקט אין דעם וואָס אין משך פֿון אַן אָנזעעוודיקן טייל פֿון די וויכטיקסטע יאָרן פֿון מענטשלעכער שפּראַך־פֿעסטשטעלונג, די לעצטע יאָרן פֿאַר דער רייפֿקייט פֿון אַ בעל־מצוה, האָט אליהו געלעבט ניט אין סעליץ, דער מוטערס שטאָט, ניט אין ווילנע וואו ער האָט שפּעטער־צו אויסגעלעבט די דערוואַקסענע יאָרן, נאָר אין — קיידאַן.

קיידאַן געפֿינט זיך טיפֿער אין דער ליטע, אַן ערך איין־און־צוואַנציק מייל צו צפֿון־צו פֿון קאָוונע (אומגעפֿער זעקס־און־זעכציק מייל צו צפֿון־מערב־צו פֿון ווילנע). פֿון די היינטיקע לעבן־געבליבענע קיידאַנער יידן, זיי צו לאַנגע יאָר, ווייסט מען בדרך־כּלל הערן אַ יידיש וואָס איז אין די ברייטע ליניעס גאַנץ ענלעך אויפֿן ווילנער און קאָוונער יידיש (הגם עס זיינען פֿאַראַן אָן אַ שיעור אונטערשיידן אין פּרטים צווישן דעם יידיש פֿון די ביידע שטעט). אַדאַנק דער יידישער דיאַלעקטאָלאָגיע פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווייסן מיר אָבער אַז דאָס אַריבערגיין אויפֿן ״כּלל־ליטווישן״ דיאַלעקט איז אַ נייע דערשיינונג אין קיידאַנער געגנט.

דער גרויסער יידישער פֿילאָלאָג יודל מאַרק (1897-1975) האָט אין זיין פּראַכטפֿולער אַרבעט ״אונדזער ליטווישער יידיש״ (1951) ריכטיק אויפֿגעוויזן, בויענדיק אויף די אייגענע פֿאַרמלחמהדיקע אָבזערוואַציעס אין דער אומאָפּהענגיקער (״קאָוונער״) ליטע, אַז קיידאַן גייט אַריין לינגוויסטיש אין דעם שטח וואָס יידן האָבן אַמאָל אָנגערופֿן: זאַמעט (מאַרק 1951: 439). אָט די אַמאָליקע מלוכה אין דער מערבדיקער ליטע (Samogitia, אין דער ליטווישער שפּראַך: Žemaitija) איז, ווי ס׳איז דער שטייגער אין דער היסטאָרישער יידישער קולטור־געאָגראַפֿיע, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן ביי יידן אין אַן אינערלעכן יידישן קולטור־באַגריף מיט אייגענע, און ביי־טנדיקע גרענעצן. אין זיבעצעטן יאָרהונדערט איז ״מדינת זאמוט״ אפֿילו מגולגל געוואָרן אין אַ זעלבשטענדיק ״לאַנד״ אין דער יידישער אויטאָנאָמער געזעלשאַפֿטלעכקייט (ועד ליטא און ועד ארבע ארצות). זאַמעט (אין די עלטערע כּתבים: זאמוט) איז געווען איינגעטיילט אויף דריי קרייזן, וועמענס קרייז־שטעט עס זיינען געווען: בירזש, וויזשון און — קיידאַן (פּג״ל דובנאָוו 1925; הײלפּרין 1935: ספּעציעל ז. 35, וואו קיידאַן [דאָרטן: קעדאן] ווערט דערמאָנט ווי אַ באַקאַנטע שטאָט אין זאַמעט. די־אָ אַמאָליקע אינערלעך־יידיש אַדמיניסטראַטיווע איינטיילונגען קענען דינען פֿאַר אַ צוגאָב־ראיה, דער עיקר בויען מיר אָבער אויף יודל מאַרקס ספּעציפֿישן באַריכט וועגן אָט דעם פּרט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

וואָס שייך דער יידישער דיאַלעקטאָלאָגיע איז דער פּראָצעס דאָ אַ באַקאַנטער. דער ״כּלל־ליטווישער״ יידיש האָט געהאַלטן אין אַרויסשטראַלן פֿון ווילנער געגנט און פֿון דער שטאָט קאָוונע אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען. דער זאַמעטער יידיש האָלט שוין דורות אין אָפּטרעטן. ערב דעם חורבן האָט מען געקענט דעם ״ריינעם״ זאַמעטער יידיש הערן אפֿנים נאָר אין ווייטן מערב (למשל: סאַלאַנט, קול, פּלונגיאַן), און אַזוי איז דער דין ביי היינטיקע יידן פֿון יענע מקומות.

דער בולטסטער שטריך פון זאַמעטער יידיש איז דאָס פעלן פונעם באַוואוסטן ״ליטווישן עי״ אין אַזעלכע ווערטער ווי ברויט און תורה. אינעם באַקאַנטסטן נוסח פון זאַמעטער יידיש הערן זיך די־אָ ווערטער מיט אַן eu, בשעת ווען מויל און הויז ווערן אַרויסגערעדט מיט ou (אָנקומענדיק צום באַקאַנטן מינימאַלן פּאָרל, וועט דאָס הייסן ״טויב [teub] ווי די וואַנט״ אָבער ״אַ טויב [toub] פליט״. ביי די היינטיקע זאַמעטער אינפאָרמאַנטן הערט זיך בדרך כלל אַ צונויפגעגאָסענער ou (וואו ניט וואו מיט אַ נטיה צו eu) אין די ביידע פאַלן און בכלל ביי די ביידע וואָקאַלן, וואָס שטאַמען אין דער היסטאָרישער יידישער פאָנאָלאָגיע פון פאַרשיידענע מקורות (ברויט, תורה, טויב, ׳הערט ניט׳ מיט וואָקאַל 42; הויז, מויז, טויב ׳מין פויגל׳ מיט 54).

אויך דאָ, פונקט ווי ביי דער פראַגע וויפל יאָר און ווען האָט דער גאון אין קיידאַן געלעבט, וואָלט מען געקענט מאריך זיין מיט פּרטי־פּרטים און אַ סך טשיקאַווע חילוקי־דעות און ספקות. אין דער איצטיקער ראַם איז דאָס אָבער ניט אויפן אָרט. פאַרקערט, אויפן אָרט איז אַרויסהייבן דעם עיקר צו דער אַלגעמיינער פראַגע וועגן גאונס יידיש (אָננעמענדיק אַז צו קיין פּרטים וועלן מיר ניט דערגיין ביז וואַנעט עס וועלן ניט אַנטדעקט ווערן אַזעלכע ניט איז אויפגעהיטע מקורות צודערצו).

און דער עיקר איז, אַז אַ קשיא אויף אַ מעשה: דער ווילנער גאון האָט אפשר גאָרניט גערעדט קיין ווילנער יידיש. ביי אים אין מויל האָט זיך גאָרניט געהערט דער ביז־היינט אוניווערסאַלער ווילנער עי [ej], אלא וואָדען, — אַן אַנדער דיפטאָנג (צי אַן ou צי אַן eu צי עפּעס וואָס אַביסל אַנדערש). אָט די מעגלעכקייט שפּאַרט זיך אָן שוואַכלעך אויפן סמך פונעם גאונס מעגלעכן געבורט אין סעליץ און זיין מוטערס זיין אַ בת־עיר פון דאָרטן, מחמת מיר וועלן מן הסתם קיינמאָל ניט וויסן דעם דעמאָלטיקן מעמד פון סעליץ אין יענעם ״בריסקער פּאַס״ פון איבערגאַנגס־דיאַלעקט אין אַכצעטן יאָרהונדערט. אָן אַ שיעור שטאַרקער וואַקסט אַזאַ מין השערה פונעם גאונס פאַרברענגען דעם וויכטיקסטן טייל פון די ״שפּראַכיקע קינדער־יאָרן״ (די יאָרן ביז צו דער רייפקייט) אין זאַמעט און זיין חתונה האָבן מיט אַ זאַמעטערין.

אין אַן עולם־הספּעקולאַציע קען אפילו גיין די רייד וועגן השפּעות אין דער גערעדטער שפּראַך פון אַ מאַמען און אַ ווייב אין אַ קולטור וואו דער גאון האָט אַלץ געשריבן אפנים אויף לשון קודש און אַראַמיש, און דאָס אַלץ ביי אַ מענטש אַ פּרוש, וואָס האָט פּרינציפּיעל געהאַט אַ מינימאַלן קאָנטאַקט מיט אַנדערע מענטשן. דאָס איז אָבער אַלץ אויף ״ספּעקולאַציע״, מ׳דאַרף זיך אומקערן צו געשיכטע און פילאָלאָגיע.

אַן השערה, אַז ביים גאון האָט געפעלט ״דער ליטווישער עי״, קען מען אויך אונטערשפּאַרן מיט די יאָרן נע־ונד זיין אין פּוילן און דייטשלאַנד (דערין: האַמבורג און בערלין), ווען דער גאון האָט יונגערהייט (לויט טייל טראַדיציעס בערך צו זיינע צוואַנציק) פאַרלאָזט ליטע אויף צו פּראַוּוען גלות (יהושע העשיל 1856: לג ע״א און ע״ב; יצקן 1900: 29-30; לנדוי 1978: כא-כב; מימון 2000: קד-קיח).

פאַרן אויער פון אַמאָליקן פרומען מערב אשכנזי, האָט ״יענער ליטווישער עי״ געגרילצט אין די אויערן, בפרט אינעם אַרויסרייד פון לשון־קודש. טשיקאַווע, וואָס אין אירע הויפּט־שטריכן, איז די ליטווישע אשכנזישע הברה, מיט אירע היסטאָריש־קאָנסערוואַטיווע וואָקאַלן

ספר

# משפטי הלשון העברית

יְבַלְבֵּל

משנת הגאון האמיתי המפורסם בכל קצוי ארץ רבינו אליהו זצ"ל מווילנא בדקדוק שפת עבר שיצאה לאור בשנת תקצ"ג ע"י המדקדק ר' צבי ז"ל בעל הלכה למעשה, ועתה הנני מציא לאור את המשנה הזו שנית מתוך הכ"י אשר ממנו הודפסה בפעם הראשונה, מתוקנת ומדויקת היטב, ומבוארת תכלית הבאור בלשון צח וקל המובן לכל מתחיל, בתוספות הערות ארוכות המאספות לכל השיטות ולכל החדשות והמועילות שנתחדשו מכל בחירי המדקדקים הראשונים והאחרונים, מסודרות על מקומן באותות וציונים.

חובר מאתי

אריה ליב בן שלמה גארדאן מראססיין

ווילנא

בדפוס של ר' ש"י פין ור' א"צ ראזענקראנץ, ורמ"מ שריפטזעטצער.

שנת תרל"ד לפ"ק

МИШПЕТЕ ГАЛАШОНЪ ГАИВРИТЪ.

т. е.

Еврейская грамматика Иліи Гаона,

съ примѣчаніями Лейбы Гордона.

ВИЛЬНА.

Въ Типографіи Фина, Розенкранца и Шрифтзетцера.

На Вилейской улицѣ домъ № 715/24

1874.

די שער־בלעטער פון דקדוק אליהו (ווילנע און גראָדנע 1833) און ספר משפטי הלשון העברית (ווילנע 1874), וואָס ר' אריה־לייב גאָרדאָן פון ראַסיין האָט איסגעבעסערט לויטן גאונס כתב־יד.

אַ האַרציקן דאַנק פרוי פּירה בראַמסאָן, הויפּט פון דער יודאַאיקאַ אָפּטיילונג ביי דער ליטווישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ווילנע, פאַרן צושטעלן די קאָפּיעס פון דיביידע אויסגאַבעס.



# דקדוק אליהו

כללים על חכמת הדקדוק על הניקוד
וטעמים ופעלים מהגאון אמתי רשכבה"ג
מהו' אליהו מווילנא זצוק"ל

להיות שהגאון הנ"ל לפי רוב חכמתו ותורתו דרכו
היה בקודש לקצר ורבים אומרים מי יראנו
טוב להבין דברי קדשו. ע"כ קם הרבני המופלג
מדקדק מפורסם כה' מהו' יצחק היה יש"ו במהו'
מנחם נ"ע מק"ק ר... בעל המחבר
הלכה למעשה. ודרכי הניקוד של ר' משה
הנקדן וירד לעומק דעת הגאון ז"ל וביאר
כוונתו
ובסוף הספר הציג ביאור על ביאור הגאון הנ"ל
אשר על פי' הרמב"ם למשנה בית
סאתים (עירובין פ"ב):

בדפוס של השותפים דק"ק

## ווילנא והוראדנא

בשנת תקצ"ג לפ"ק

ДЫКДУКЪ ЕЛІУГУ.

т. е.

Грамматика Иліи.

ВИЛЬНО И ГРОДНО

Типогра. Манеса и Зымеля.

1853.

(ברוך אתה הערט זיך bɔrux ato ביים ליטוואַק, נאָענט צום מערב אשכנזישן bōrūx atō, ווייטער פונעם פויליש־יידיש būrīx atū). אָבער ״אינמיטן דערינען דער ליטווישער ע׳״ און די פסיכאָ־פאָנאָלאָגישע קרובהשאַפט פונעם אַמאָליקן מערב אשכנזי אין דייטשלאַנד מיטן ליטוואַק וואָלט גאַנץ גיך ״געפּלאַצט״, אַזוי אַרום אַז לפּחות וואָס שייך לשון־קודש, וואָלט אַ גרויסער רב געקענט נוטה זיין זיך אָפּצוטרייסלען פונעם ע׳, ווי עס איז דער פאַל, ווען ניט איז, אויך אין אונדזערע צייטן (און בפרט ביים דאַוונען, און בפרט ביי מתנגדים פון ״גאונס חדר״, זע קאַץ 1998).

איז פון אַלצדינג, הייסט דאָס, וואָס מען איז בכח אָפּצודרינגען פונעם ווילנער גאונס ביאָגראַפיע, בלייבט ביי אונדז מערניט אַן השערה אַז פון זיינע קיידאַנער יאָרן האָט ער געקענט האָבן אין זיין לשון דעם זאַמעטער eu אָדער ou אָנשטאָט דעם ווילנער (און באַוואוסטן ״ליטווישן״) ej. די ווייטערדיקע אונטערשפּאַרונגען זיינען פאַרשיידענע: אין זיין מוטערס לשון, פון ״בריסקער פאַס״ איז אפשר געווען דער דרומדיקער (אוקראַיניש־פּוילישער) ɔj, און אין זיינע יאָרן פראַוווען גלות אין דייטשלאַנד האָט ער געהערט דעם מערב־יידישן ou (גאַנץ ענלעך אויפן זאַמעטער נוסח).

צי איז מען אָבער מחויב בלייבן שטיין ביים אָפּדרינגען? לא מיט אַן אלף.

אַזוי ווי ביי אַלע גרויסע אשכנזישע רבנים, דאַרף מען קודם־כל אַ קוק טאָן אויף זייערע כתבים וועגן לשון־קודש בכדי וואָס אָפּצודרינגען וועגן זייער יידיש (צו דער מעטאָדאָלאָגיע פג״ל קאַץ 1994).

הגם דער ווילנער גאון האָט זיינע כוחות על־פּי רוב געווידמעט די טראַדיציאָנעלע רבנישע שטחים: תורה, תלמוד, הלכה, קבלה, איז ער כידוע אויך געווען אַן אָנהענגער פון די ״אַלגעמיינע וויסנשאַפטן״ און האָט אָנגעשריבן אויף לשון־קודש ביכלעך איבער מאַטעמאַטיק, געאָגראַפיע און אַסטראָנאָמיע, און האָט אינספּירירט ר׳ ברוך שקלאָווער איבערצוזעצן יעווקלידס געאָמעטריע אויף לשון־קודש.

צודערצו האָט דער גאון מחבר געווען אַ ביכל איבערן דיקדוק פון לשון־הקודש, ״דקדוק אליהו״. אין דער ערשטער אויפלאַגע (ווילנא והוראדנא [ווילנע און גראָדנע] 1833), ווערט דער וואָקאַל חולם (דער לשון־קודשדיקער וואָקאַל אין אַזעלעכע ווערטער ווי בורר, חושך, סוחרים, שוטה, תורה וכדומה), וועגן וועלכן עס גייט די רייד, אָנגעגעבן אָן קיין שום פאָנעטישער באַשרייבונג (אליהו 1833: א ע״א).

אינעם דרוק ווילנע 1874 ווערט אָנגעגעבן אויפן שער־בלאַט אַז אריה־לייב בן שלמה גאָרדאָן פון שטעטל ראַסיין, האָט צו אָטאָ־דער אויפלאַגע אויפסניי גענומען ״מתוך הכתב יד אשר ממנו הודפסה בפעם ראשונה, מתוקנת ומדויקת הטיב״ (גענומען פונעם כתב־יד וואָס פון אים איז עס געדרוקט געוואָרן דעם ערשטן מאָל, פאָרזיכטיק אויסגעבעסערט און פאַרפינקטלעכט).

און אין אָט־דער אויפלאַגע, אויפסניי צוגעגרייט לויטן גאונס כתב־יד, ווערט אָנגעגעבן די פאָנעטישע טראַנסקריפּציע פון די אַלע וואָקאַלן, בתוכם דעם חולם. בטראַנסקריפּציע הגאון איז דאָס: אָאוּ, דהיינו ou, אַזוי ווי אין זאַמעט און אין מערב אשכנז, ניט קיין ej ווי אין ווילנע, און אפילו ניט קיין ɔj ווי אין ״סטאַנדאַרדיזירטן ליטווישן אשכנזיש״ נאָר אַ בפירושדיקן

זאַמעטער ou (גאָרדאָן 1874: 1/א ע״א; דאָס װערט אױך געבראַכט בײַ האַמבורגער, 1995: 241 װי אַ ציטאַט פֿון דער ערשטער אױפֿלאַגע).

הײסן הײסט דאָס אַז דעם װילנער גאונס אַרױסרײד פֿון אשכּנזישן לשון־קודש, און משמעות אױך פֿון זײַן ײדיש, איז אינעם סאָציאָלינגװיסטיש װיכטיקן פּרט פֿונעם חולם גאָרניט געװען קײן װילנער...

## ביבליאָגראַפֿיע


אליהו מווילנא, 1833 —

*דקדוק אליהו. כללים על חכמת הדקדוק על הניקוד וטעמים ופעלים מהגאון אמתי רשכב״הג מהו׳ אליהו מווילנא זצוק״ל. להיות שהגאון הנ״ל לפי רוב חכמתו ותורתו דרכו היה בקודש לקצר ורבים אומרים מי יראנו טוב להבין דברי קדשו. ע״כ קם הרבני המופלג מדקדק מפורסם כה׳ מהו׳ צבי הירש [ב]מהו׳ מנחם נחום מק״ק רעזיצע בעל המחבר הלכה למעשה. ודרכי הניקוד של ר׳ משה הנקדן וירד לעומק דעת הגאון ז״ל וביאר כוונתו. ובסוף הספר הציג ביאור על ביאור הגאון הנ״ל אשר על פי׳ הרמב״ם למשנה בית (עירובין פ״ב).* בדפוס של השותפים דק״ק: ווילנא והוראדנא.

אשרי, לענאַרד, 1946 —

Leonard Oschry, *The Story of the Vilna Gaon.* Torah Umesorah: New York.

גארדאן, אריה ליב בן שלמה, 1874 —

*ספר משפטי הלשון העברית. יכלכל משנת הגאון האמיתי המפורסם בכל קצוי ארץ רבינו אליהו זצ״ל מווילנא בדקדוק שפת עבר שיצאה לאור בשנת תקצ״ג ע״י המדקדק ר׳ צבי ז״ל בעל הלכה למעשה, ועתה הנני מוציא לאור את המשנה הזו שנית מתוך הכ״י אשר ממנו הודפסה בפעם הראשונה, מתוקנת ומדויקת הטיב, ומבוארת תכלית הבאור בלשון צח וקל המובן לכל מתחיל, בתוספות הערות ארוכות המאספות לכל השיטות ולכל החדשות והמועילות שנתחדשו מכל בחירי המדקדקים הראשונים והאחרונים, מסודרות על מקומן באותות וציונים. חובר מאתי אריה ליב בן שלמה גארדאן מראססיין.* בדפוס של ר׳ ש״י פין ור׳ א״צ ראזענקראנץ, ורמ״מ שריפטזעצער: ווילנא.

דובנאָוו, שמעון 1925 —

*פנקס המדינה או פנקס ועד הקהילות במדינת ליטא. קובץ תקנות ופסקים משנת שפ״ג עד שנת תקכ״א. נדפס מכתב־יד הנמצא בהוראדנא, עם מלואים ושנויי נוסחאות על פי העתקות הפנקס בבריסק ובווילנא. ערוך בצרוף מבוא והערות ע״י שמעון דובנוב.* ״עינות״: בערלין.

הײלפּרין, ישראל 1935 —

*תוספות ומלואים ל״פנקס מדינת ליטא״. נאספו ונערכו בצרוף הקדמה ומפתחות.* דפוס סלומון: ירושלים.

המבורגר, בנימין שלמה 1995 —
*שרשי מנהג אשכנז. כרך ראשון.* מכון מורשת אשכנז: בני ברק.

הערצאָג, מיכל; ווײַנרײַך, אוריאל; באַוויסקאַר ווערא 1992 —
Marvin I. Herzog, Uriel Weinreich, Vera Baviskar, *The Language and Culture Atlas of Ashkenazic Jewry. Volume I: Historical and Theoretical Foundations.* YIVO: New York & Max Niemeyer: Tübingen.

ווײַנרײַך, אוריאל 1952 —
Uriel Weinreich, *"Sábesdiker losn* in Yiddish: a problem of linguistic affinity", in *Word* 8: 360-377.

ווײַנרײַך, מאַקס 1965 —
Max Weinreich, "On the Dynamics of Yiddish Dialect Formation" in Uriel Weinreich, ed., *The Field of Yiddish. Studies in Language, Folklore and Literature. Second Collection*. Mouton: The Hague, 73-86.

יאָפען, יוכבד 1953 —
Jean Blech Jofen, *The Dialectological Makeup of East European Yiddish. Phonological and Lexicological Criteria.* Thesis submitted in partial fulfillment of the requirements for the Degree of Doctor of Philosophy in the Faculty of General and Comparative Linguistics, Columbia University: New York.

יהושע העשיל בן הצדיק הרב וכו׳ מ׳ אלי׳ זאב הלוי מווילנא 1856 —
*ספר עליות אליהו. תולדות האדם הגדול בענקים אלופנו גאון הגאונים. וחכם כאחד מראשונים. נכנס לפני ולפנים. ופתח גנזי מטמונים. וחכמות ומדעים שונים. סביב לדגלו חונים. ראש גולת אריאל. בשם אליהו גאון וחסיד מווילנא. נודע בישראל [...]*: ווילנא.

יצקן, שמואל יעקב 1900 —
*רבנו אליהו מוילנא. חייו, זמנו, קורותיו ומפעליו.* ג. סאָקאָלאָוו: ווארשא.

כהן, ישראל 1943 —
Israel Cohen, *Vilna.* Jewish Publication Society of America: Philadelphia.

לנדוי, בצלאל 1978 —
*הגאון החסיד מוילנא. זה ספר תולדות רבינו אליהו זצ״ל הוא הגר״א. דרך חייו ופעלו לדורו ולדורות. מהדורה שלישית.* הוצאת מפעל ״תורה מציון״: ירושלים.

לעמפערטאַס און לעמפערטיענע 1998 —
Izraelis Lempertas & Larisa Lempertienė, eds., *The Gaon of Vilnius and the Annals of Jewish Culture. Materials of the Scientific Conference, Vilnius, September 10-12 1997.* Vilnius University: Vilnius.

**מאַרק, יודל 1951 —**

״אונדזער ליטווישער יידיש״ אין מענדל סודאַרסקי, אוריה קאַצענעלענבאָגען קיסין (רעד.), *ליטע. בוך איינס.* ״קולטור־געזעלשאַפט פון ליטווישע יידן״: ניו־יאָרק.

**מימון, הרב יהודה ליב הכהן 2000 —**

*תולדות הגר״א. הגאון רבי אליהו מווילנא. חייו ומשנתו וגדולי דורו.* הוצאת מוסד הרב קוק: ירושלים.

**עפרון, זוסיע 1998 —**

Zusia Efron, "Portrait of the Gaon of Vilna. Two Centuries of Imagination", in Lempertas & Lempertienė 1998: 164-168.

**פישמאַן, שיקל 1998 —**

Joshua A. Fishman, "The Gaon of Vilne and the Yiddish Language" in Lempertas & Lempertienė 1998: 18-26.

**קאַץ, הירשע־דוד 1983 —**

Dovid Katz, "Zur Dialektologie des Jiddischen" in W. Besch, U. Knoop, W. Putschke & H. Wiegand, eds., *Dialektologie. Ein Handbuch zur Deutschen und allgemeinen Dialektforschung.* Walter de Gruyter: Berlin & New York, pp. 1018-1041.

— 1985 - -

Dovid Katz, "Hebrew, Aramaic and the Rise of Yiddish" in Joshua A. Fishman, ed., *Readings in the Sociology of Jewish Languages.* E. J. Brill: Leiden, pp. 85-103.

— 1986 - -

Dovid Katz, "Origins of Yiddish Dialectology" in Dovid Katz, ed., *Dialects of the Yiddish Language [=Winter Studies in Yiddish Volume 2 = Papers from the Second Annual Oxford Winter Symposium in Yiddish Language and Literature, 14-16 December 1986]*, Pergamon: Oxford, pp. 39-55.

— 1994 - -

״נייע גלגולים פון אַלטע מחלוקתן: די ליטווישע נאָרמע און די סכסוכים וואָס אַרום איר״ אין *ייוואָ־בלעטער* (נייע סעריע) 2: 205-257.

— 1998 - -

"The Religious Prestige of the Gaon and the Secular Prestige of Lithuanian Yiddish" in Lempertas & Lempertienė 1998: 187-199.

**שוב, מאיר 1994 —**

Mejeris Šubas, *Talmudino mokslo Žvaigždė. Monografija apie Vilniaus Gaona.* Vaga: Vilnius.